# ארכיוו

אויסגעקליבן פון די אידישע ארכיוון • מגיה געווען • צוויי מאל א וואך

נומער 29 • דאנערשטאג, כ' שבט תשפ"ז • 28סטן יאנואר 2027 • פרשת יתרו

וְהִגְבַּלְתָּ אֶת הָעָם סָבִיב לֵאמֹר הִשָּׁמְרוּ לָכֶם עֲלוֹת בָּהָר

שמות יט, יב

אין דעם נומער

**„לא תחמוד“ און דער גדר**
זאלצוואסער • לכבוד שבת

**מעג מען קאפיען א פילם?**
הלכה • לא תגנוב

**דער קאצקער אין זיין צימער**
דולה ומשקה • אנשי שם

**פארוואס „כפה עליהם הר“?**
א שמועס אויף דער סדרה

**פארוואס זיבן טעג א וואך?**
תורה און וויסנשאפט

**ווי אזוי האט יתרו אויסגעזען?**
הומאר

# ארכיוו

נומער 29 • דאנערשטאג, כ' שבט תשפ"ז
28סטן יאנואר 2027 • פרשת יתרו


**הקדמה**

## „והגבלת את העם סביב“

טייערע לייענער,

די וואך לייענען מיר פרשת יתרו. יתרו הערט וואס עס האט זיך געטון מיט די אידן און קומט צו משה'ן אין מדבר. ער זעט ווי זיין איידעם זיצט אליין און משפט'ט דאס פאלק פון אינדערפרי ביז ביינאכט, און גיט אים אן עצה: שטעל אוועק ריכטער, שרי אלפים און שרי מאות. דערנאך קומען די אידן צום בארג סיני. מען מאכט א גדר ארום דעם בארג, עס דונערט און בליצט, און דער אויבערשטער זאגט די עשרת הדברות.

„לכבוד שבת קודש“ שרייבט „זאלצוואסער“ איבער דעם לעצטן דיבור, „לא תחמוד“: וויאזוי היט מען זיך פון גלוסטן, און וואס לערנט אונז דער גדר ארום דעם בארג? אין „שמועסן אויף דער סדרה“ פרעגט „מאטי“ פארוואס מען האט געדארפט „כפה עליהם הר כגיגית“ נאכדעם וואס די אידן האבן שוין געזאגט „נעשה ונשמע“, און ער ענטפערט מיט א משל פון א רויטן לייט און א טיקעט. „לא תגנוב“ ברענגט אונז צום „הלכה־שמועס“: מעג מען קאפיען א פילם אדער א סידי? אין „תורה און וויסנשאפט“ זוכט מען פארוואס די גאנצע וועלט האלט זיבן טעג אין א וואך – פונעם אבן עזרא ביזן כוזרי.

שבת פרשת יתרו, כ"ב שבט, איז די יארצייט פונעם קאצקער רבי'ן. „דולה ומשקה“ שילדערט די לאנגע יארן ווען ער האט זיך פארשלאסן אין זיין צימער. אויף א לייכטערן טאן פרעגט מען אין קאווע שטיבל: ווי אזוי האט יתרו אויסגעזען? אין „היינט מיט . . . יאר צוריק“ שרייבט „לולקע־ציבעך“ וועגן סייגים, מיטן גדר ביי הר סיני אלס משל. דערצו קומען „פערל פון די ארכיוון“, די „יארצייטן פון דער וואך“ און „די תגובה פון דער וואך“.

ביי יעדן שטיק שטייט פון וועלכן ארכיוו עס קומט, דער ניק פונעם שרייבער, און ווען עס איז געשריבן געווארן. די ווערטער זענען זייערע; מיר האבן מגיה געווען דעם אויסלייג און די גראמאטיק, און וואו מיר האבן עפעס אויסגעלאזט, שטייט „[פארקירצט]“.

א גוט שבת, און האט הנאה פון לייענען!

**די רעדאקציע**

## אין דעם נומער


| | | |
|---|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | עס גלוסט זיך – „לא תחמוד“ און דער גדר ארום דעם בארג • zaltzvaser | **3** |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „כפה עליהם הר כגיגית“ – פארוואס האט מען געדארפט צווינגען? • מאטי, יואב | **5** |
| **הלכה־שמועס • לא תגנוב** | מעג מען קאפיען א פילם? „קאפי רייט“ על פי הלכה • עמרם, קהל'ס נער, היימלינד, קורקלענד און אנדערע | **7** |
| **תורה און וויסנשאפט** | פארוואס האט די גאנצע וועלט זיבן טעג א וואך? • מי אני, זיצער, אלבערט איינשטיין און אנדערע | **9** |
| **אנשי שם • צו כ"ב שבט** | רבי מענדעלע פון קאצק – די יארן פון „ימי ההסגר“ • דולה ומשקה | **12** |
| **הומאר** | ווי אזוי האט יתרו אויסגעזען? • לאוולי, וואלווי, berlbalaguleh און אנדערע | **15** |
| **קורץ און שארף** | פערל פון די ארכיוון • פון די ארכיוון | **17** |
| **היסטאריע** | היינט מיט . . . יאר צוריק • פון די ארכיוון | **19** |
| **לוח** | יארצייטן פון דער וואך • סקרן • Interesting man • כורמיזא | **22** |
| **קאלום** | די תגובה פון דער וואך • שמעון וואלף | **23** |
| **מקורות** | מקורות • די רעדאקציע | **24** |

לכבוד שבת קודש

# עס גלוסט זיך – „לא תחמוד“ און דער גדר ארום דעם בארג

„זאלצוואסער“ האט דאס געשריבן פאר די גליונות לשבת קודש פרשת יתרו. פון א שמועס ביים טיש איבער די קינדערס חלומות קומט ער צום צענטן דיבור, און צו דער פראגע פארוואס די תורה פארנעמט זיך אזוי פיל מיטן גדר ארום הר סיני.

פון **zaltzvaser** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

זאלצוואסער • בלאג • „עס גלוסט זיך (פ' יתרו)“ • 29סטן מאי 2016
https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/605.html

עס איז א גרויסע משפחה בלי עין הרע, מ'זיצט כסדר ביים טיש און מ'דיסקוסירט ענינים עומדים על הפרק. דער טאטע פארהערט די קינדערלעך, די מאמע פרעגט אויס אביסל די יונגערע, און די קינדער צווישן זיך זענען אלס אקטיוו מיט זייערע אקטועלע פראבלעמען, און שמועסן צווישן זיך איבער אלס און אלעמען.

עס איז גאר אינטערסאנט זיך צוצוהערן צו די טרוימען און פאנטאזיעס פון די קינדערלעך, און וויאזוי מיט א יאר רוקט זיך כסדר פאראויס די אנשויאונגען. עס וואלט זיך געלוינט צו נעמען א פעדער און באשרייבן יעדע האלבע יאר וויאזוי די אלטע חלומות וועפן אויס, און פרישע ערזעצן די אלטע מיט פול מער אימפעט.

שמועסן צווישן זיך חיים'ל א 14 יעריגער בחור'ל מיט זיין ברודער אברהמ'לע וועלכער איז נארוואס אריין אין דער כיתה ה' און לערנט מיט פרישקייט דאס ערשטע מאל א שטיקל תוספות, און מיט א העכערע שמחה שמועסט ער איבער זיינע עררייכונגען אין חדר מיט א פולן עמוד גמרא און א תוספות'ל אין דער זייט.

ווען די עלטערן הערן וויאזוי די קינדער שמועסן איבער זייערע חלומות פארן צוקונפט, הערן זיי ווי אברהמ'לע וויל זיין דער מענעדזשער פון א חדר, און חיימ'ל רעדט שוין פון וועלן זיין א גרויסער דיין וועלכער זיצט אויבן אן.

ווען דער עלטסטער ברודער קומט אריין אין דעם שמועס, רעדט ער שוין פון גאר עפעס אנדערש, ער פארשטייט שוין אביסל אז געלט איז אן עסק, ער שלאגט זיך שוין פאר תורה וגדולה במקום אחד. און אזוי גייט דאס אין שטוב ווען מ'הערט נאר אביסל צו.

*

לא תחמוד! מ'טאר נישט גלוסטן... עס איז אין די עשרת הדברות, א חוב קדוש, און די אידישע קינדער האבן זיך שוין מתחייב געווען צו היטן אויף דער הייליגער תורה מיט א רוישיגן „נעשה ונשמע“ נאך בעפארן הערן אפי' וואס אין דעם הייליגטום שטייט געשריבן.

אבער טאטע אין הימל וויאזוי איז מען מקיים די מצוה? איז דען חמדה, גלוסטן, א זאך וועלכעס מ'נעמט זיך אליינס? דאס אויג זעט, דאס הארץ גלוסט, וויאזוי איז דאס צוגלייך מיט די אנדערע מצוות פון די עשרת הדברות וועלכעס איז קלאר מיט וואס מ'מעג אדער טאר נישט אדער מוז געטון ווערן.

ווען די אידישע קינדער שטייען ביים בארג סיני, עס איז דער הייליגסטער און העכסטער זמן, די וועלט שטייט שוין דורי דורותווארטנדיג אויף דעם מינוט. הימל און ערד און אלעס אינדערצווישן איז קאנצענטרירט צום בערגעלע סיני.

אלעס אזוי וואונדערליך און אומנאטורליך. מ'זעט וואס די אויג קען נישט פארטראגן, און מ'הערט וואס די אויער האט נישט כוחות צו דערהערן. אינג און אלט, קליין און גרויס, אלעס איז אין א מין הארמאניע וועלכע די וועלט האט נישט געזען און וועט קיינמאל נישט זען.

שרפי מעלה באזעסן די גרעזעלעך אויף דעם נידריגן ערד, די פמליא של מעלה האט זיך אריבערגעצויגן צום כדור הארץ, און די נשמות פון אלע אידן פון אמאל און היינט שוועבן אוןווארטן צו הערן דעם קול ד' בכח.

שטעלט זיך די גאר עגבערנדע שאלה: מיט די אלע דערהויבענע און אומנאטורליכע מתנות וואס כלל ישראל קריגט, קומט אריין דער „הגבל את העם“ דער גדר ארום דעם בארג, וועלכעס איז געווארן אין דער קליינער פרשה פון מתן תורה א גאר וויכטיגער פרט וועלכעס פארנעמט דריי פסוקים גיין און קומען און ווארענען די אידן, און השי"ת פארלאנגט גאר א פיזיש געבויטן גדר וועלכעס זאל ווארענען די אידן נישט גיין נאענט צום בארג.

איז דען נישט לאגיש צו טראכטן אז אין אזא געהויבענעם זמן ווען אלעס ווערט געפירט מיט א זעלטענע התרוממות און אתערותא דלעילא וואס מ'זעט קיינמאל נישט, זאל דער איד זיין אפגעהיטן פון דעם חטא פון אנרירן דעם בארג דורך די צוויי מלאכים וועלכע האלטן אים דאס קרוין? פארוואס פארלאנגט זיך אזויפיל אויף דעם פיזישן גדר אז די גאנצע פרשה פון מתן תורה איז פארנומען מיט אזא זאך וואס פארן מענטשליך אויג זעט אויס ווי א מינדערוויכטיגע דעטאל אין דעם גאנצן מערכת המתן תורה.

*

עס איז דער לימוד וועלכער דער גדר לערנט אונז, און נאר מיט דעם לימוד קענען מיר ריכטיג מקיים זיין די הייליגע תורה.

עס גלוסט זיך דעם מענטש נאר דאס וואס ער חלומ'ט אז ער קען דערגרייכן, דער פויער האט נאך קיינמאל נישט געגלוסט צו ווערן דעם קעניג'ס אן איידעם. דער דעליוועריּ מאן האט נאך קיינמאל קיין חמדה נישט געהאט צו לויפן פאר פרעזידענט. עס שטעלט זיך אלס אריין דער גלוסטעניש נאר אין א קליינעם פייערל וועלכעס ברענט שוין סיי ווי.

## „עס גלוסט זיך דעם מענטש נאר דאס וואס ער חלומ'ט אז ער קען דערגרייכן“

ווען כלל ישראל איז געשטאנען ביים בארג סיני און אידישע קינדער זענען געווארן דערהויבן עד למעלה, און עס שפירט זיך א דערהויבנקייט פון וועלכן מ'קען נישט זען אויף אראפ, נאר אויף העכער. פארגעסט זיך אמאל דער עיקר אז מ'דארף זיך אליינס פיזיש גרעניצן מיט גבולים, מ'דארף מתקן זיין גדרים נישט דורכצופאלן. ווי די גמרא לערנט אונז ביי תנאים און אמוראים וועלכע זענען שיער דורכגעפאלן מיט א חטא צו ווייזן דעם כלל אז נישט קיין חילוק ווי גרויס דער מענטש איז שוין דארף ער געדענקען דעם פיזישן גדר אלס אנצוהאלטן, און זיך נישט פארלאזן אויף זיין רוחניות'דיגן התעלות.

כדי צו קענען דעם לא תחמוד ריכטיג איינהאלטן, דארף מען די גדרים אליינס בויען, זיך נישט פארלאזן אויף דעם אתערותא דלעילא. ווייל גלוסטן גלוסט דאס קליין קינד נאר צו וואס ער קען דערגרייכן מיט זיין מח'ל, און ווי עלטער און ווי קלוגער דער מענטש ווערט אלס קען ער זיך ברענגען צו גלוסטן צו פארשידענע חמדות און תאוות וועלכע ער מוז אכט געבן דערצו נישט אנצוקומען, און געדענקען אז די דמיונות זענען נישט קיין חזיונות, נאר ברענגען צו פוסטע גלוסטענישט וועלכע קענען נישט און טארן נישט אפי' אין באטראכט גענומען ווערן.

אט דאס האט אונז הקב"ה געלערנט מיט דעם גרויסן געוויכט אויפן מינדערוויכטיגן גדר: מיינע טייערע קינדער, לא תחמוד הייבט זיך נישט אן ווען מ'זעט שוין, ווען מ'טראכט שוין, און ווען מ'גלוסט שוין, עס איז די לא תעשה וועלכעס פארלאנגט א גדר פון ווייט בעפאר, און א שטארקן דגוש איר אנצוהאלטן אויף אייביג מיט א נצחיות.

## „לא תחמוד הייבט זיך נישט אן ווען מ'זעט שוין, ווען מ'טראכט שוין, און ווען מ'גלוסט שוין“

זאל דער אויבערשטער העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו מקיים זיין די הייליגע מצות מתוך קדושה והרחבה עדי ביאת שילה בב"א.

שמועסן אויף דער סדרה

# „כפה עליהם הר כגיגית“ – פארוואס האט מען געדארפט צווינגען?

„ויתיצבו בתחתית ההר“ – חז"ל זאגן אז דער אויבערשטער האט געהאלטן דעם בארג איבער די אידן ווי א פאס. אבער זיי האבן דאך שוין געזאגט „נעשה ונשמע“! „מאטי“ ברענגט אין קאווע שטיבל דעם משך חכמה'ס תירוץ, און פרובירט א פשט פון זיך.

פון **מאטי, יואב** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „כפה עליהם הר כגיגית פארוואס??“ • 14טן–17טן מאי 2013
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3787.html#p114940

**מאטי** • 14טן מאי 2013

רבים קולמוסים הפילו אסאך אסאך זאמד האבן שוין פארטריקנט די דיו וואס האט פרובירט צו פארענפערן תוס' קושיא אין מסכת שבת, פארוואס האט אויסגעפעלט דער כפה עליהם הר כגיגית נאכדעם וואס אלע האבן אויסגעשריגן כאחד נעשה ונשמע, תוס' פארענפערט כאן בתורה שבכתב כאן בתורה שבעל פה און אזוי איז דא אסאך תירוצים ואכמ"ל.

אין תירוץ וואס האט מיר יא ארויסגענומען פון מיין גלייכגעוויכט איז א הפלאדיגער תירוץ פון א פריערדיגער מיט די פלייצעס פון א ראשון ממש דאס איז דער תירוץ פון ר' מאיר שמחה הכהן מ'דווינסק זצ"ל

דער משך חכמה און פרשת יתרו זאגט ווי פאלגענד.

ויתייצבו בתחתית ההר מלמד שכפה עליהן הר כגיגית:
פירוש שהראה להם כבוד ה' בהקיץ ובהתגלות נפלאה עד כי ממש בטלות בחירתם הטבעי' ויצאה נשמתם מהשגת כבוד ה' והיו מוכרחים כמלאכים בלא הבדל, וראו כי כל הנבראים תלוי רק בקבלת התורה

מבהיל'דיגע ווערטער! דער משך חכמה זאגט אז ה' האט מכריח געווען די אידן דורך זיי וויזן דער גרעסטער התגלות און כבוד ה' אז זיי זאלן מיט זייער שכל איינזען אז די בעסטע זאך פארן מענטש איז היטן די תורה און דער גאנצער בריאה איז תלוי אין דער תורה און דורך דעם איז בטל געווארן זייער בחירה פון נישט וועלן אננעמען די תורה.

זייער געשמאקע לאגישע ווערטער אבער דאך!.. ליבי נוקפי עפעס שטימט מיר נישט דא.. ער זאגט אז וויבאלד ה' האט אוועקגענומען די בחירה ווערט דאס א כפיה. כופה זיין מיינט טאקע אוועקנעמען די בחירה אבער אוועקנעמען די בחירה איז לאו דוקא כופה געווען. כפיה איז טייטש אז איך טו די זאך געצוואונגענערהייט למרות דער פאקט אז ס'ווילט זיך טון פארקערט.

אני הקטן (נישט דער ניק) וואלט געוואלט אויפטון אזא חידוש אבער קודם, כדרכי וועל איך דאס אויסשפילן אין אונזער טאג טעגליכער מהלך החיים טראץ וואס מיין ידיד יואב רעדט זיך אפ אז איך בין משלב תורה מיט פארברענגען און קיין געוויסן ביסן דאך וועל איך זיך יא ערלויבן דאס צו טון און ווער ס'איז חושש אויף גחלי רתמים האט די ברירה איבערצוהיפן די ראזינקעס.

און אינגערמאן טרייבט זיין קאר מיט א שנעלקייט ער קומט אן צום געלן/רויטן לייט און מיט א יאגעניש שלינגט ער איין דעם אינטערסעקציע (מסתם נישט געליינט מיין לעצטע תגובה) גלייך וואקסט ארויס פון אונטער דער ערד אן אכזריות'דיגער געזעץ אינפארסירער, און שליידערט אים אין א זייט מיטן פולסטן מאס יקוב הדין את ההר, און שרייבט אים א לאנגע מגילה און לאזט אים איבער אבל וחפוי ראש.

בהשקפה ראשונה וואלט יעדער מסכים געווען אז דער אינגערמאן איז נישט אום בעסטן גוסטע אויפן מאמענט ס'לאזט זיך לייכט טראכן אז ער דער אינגערמאן איז אנגעווייטאגט אויף זיך, אויפן פאליצייי מאן און פארשרייבט דאס אריין און זיין פנקס אלס איינע פון זיינע אנגעזעצטע טעג.

אבער אויב וואלט איר צוגעגאנגען צום אינגערמאן און אים געפרעגט אזוי.

אנטשולדיגטס! האלט איר אז דער טראפיק לייט סיסטעם איז א גוטע זאך ? זיכער אזוי, וואלט ער געענפערט.

איר פארשטייט - וואלט איר אים ווייטער געפרעגט - אז אויב וואלט פאר יעדן געווען גרין אגאנצן צייט וואלט איך

נישט גערעדט מיט אייך דא לעבעדיגערהייט? געוויס! יא וואלט ער געזאגט.

און אז אויב דער פאליציי וואלט בכלל נישט אינפארסירט דער געזעץ וואלט רויט אין גרין משמש געווען בערבוביה ואיש את רעהו חיים בלעו ? אודאי! זיכער! וואס איז בכלל די שאלה וואלט ער געזאגט.

טא אויב אזוי וואס רעגט איר זיך אזוי? פארוואס איז דער פאליציימאן אזא אנטיסעמיט ? אזוי ווילט איר דאך! איר האט דאך יעצט געזאגט אז איר פארשטייט אז אזוי מוז אלעס זיין! דער רויט לייט, דער פאליס, דער טיקעט, אבער ווען ס'קומט למעשה, איר שפירט דאס אויף אייער אייגן לייב רעגט איר זיך! זענט איר אפשר א היפאקריט?

די אידן האבן געזאגט נעשה ונשמע זיי האבן געוואלט מקבל זיין די תורה זיי האבן פארשטאנען אז אן דער תורה איז נישטא קיין מאראלישע ווירדן זיי זענען צו אלעם מסכים אבער! פארן כלל... ה' האט אבער געוואוסט אז אפילו אויב מ'איז טאקע מסכים צו אלעם ווען ס'קומט אבער צום פרטיות'דיגער מענטש ווען ס'שטעלט זיך ארויס קאנסקוועקנצן וואס שטימט מיט דיין אידילאגיע אבער ס'איז נוגע אויף למעשה יעצט אין דיין פרטיות'דיגער לעבן דוגמת אונזער אינגערמאן דער גרויסער חסיד פון טראפיק לייטס וואס רעגט זיך אבער ווען ער אליינס שפירט די קאנסקוועקנצן דערפון. דאן איז דער נעשה ונשמה אויס.

אויף דעם האט זיך אויסגעפעלט דער כפה עליהם הר כגיגית!..

בלייבט נאר איבער צו חקר'נען יעצט וואס איז פשט פונעם הדר קבלהו בימי אחשורוש ?

אז זיי האבן אנגעהויבן זיך פרייען אויפן טיקעט? קען זיין..

**יואב** • 14טן מאי 2013

מאטי, אייזן. פון די געציילטע פעלער איך שפיר דער נמשל שטימט מיטן משל.

**מאטי** • 17טן מאי 2013

אבער דו פארשטייסט אז דער קלארער בליק וואס זיי האבן געזען בשעת מתן תורה איז למעשה נישט אזאך וואס קען בלייבן לדורות משא"כ דער חיוב קיום התורה יא! האט זיך אויסגעפעלט א כפיה ס'זאל בלייבן אויף שפעטער אויך. ועוד דער טייטש פון כפה איז צווינגען למרות דו ווילסט בשעת מעשה אנדערש, און ס'טייטשט נישט דיך היפנאטייזן זאלסט אליין ווען.

**הלכה־שמועס • לא תגנוב**

# מעג מען קאפיען א פילם? „קאפי רייט“ על פי הלכה

„לא תגנוב“ איז איינער פון די עשרת הדברות. אבער ווען מען מאכט א קאפיע פון א סידי אדער א פילם, נעמט מען דאך גארנישט צו פון קיינעם. „עמרם“ האט אין חנוכה־צייט תשפ"ד געפרעגט אין קאווע שטיבל וואס די הלכה זאגט, און דער עולם האט געברענגט סברות, מראה מקומות און א מעשהביים שבת־טיש פונעם גאב"ד.

פון **עמרם, קהל'ס נער, היימלינד, קורקלענד און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט] • נישט קיין פסק הלכה

קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • „די איסור פון קאפי רייט“ • 18טן–20סטן דעצעמבער 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16758.html#p541681

**עמרם** • 18טן דעצעמבער 2023

איך וויל אנפרעגן ביי די חכמי השטיבל איבער דעם איסור פון קאפי רייט, אויף סידיס און DVD'ס וואס קומען ארויס

די שאלה איז אויב ע''פ הלכה איינמאל איך קויפן עפעס מעג איך טין דערמיט וואס איך וויל ? און איך מעג עס קאפיען ? (אן אריינגיין אין דינה דמלכותא)

אויב א צווייטער האט עס געקאפיט מעג איך עס נעמען פון אים ?

איך מעג עס שיקן ווייטער ?

(איך פארשטיי אז א מענטש לייגט אריין כוחות אין אזאך איז נישט שיין דעס צי טון, די שאלה איז אויב ע''פ דיני תורה האט ער א טענה)

יעצט געוועז שטארק נוגע, ווען Day 6 Productions האט ארויסגעגעבן לכבוד חנוכה א נייע פילם סלאוויטא און ס'איז באלד ארום געפארן א לינק פון א דרייוו פון דער מאווי, און איך וויל וויסן צי איך מעג עס זען דארט, און אויב איך מעג עס שיקן ווייטער

**קהל'ס נער** • 18טן דעצעמבער 2023

ע"פ הלכה (העמידו דבריהם על דברי תורה סטייל) איז נישטא קיין איסור צי קאפיען, וויבאלד טעכניש נעמסטו גארנישט אוועק פון יענעם. [פארקירצט]

און אפילו אן דינא דמלכותא גייט עס זיכער אריין אין

1. שארית ישראל לא יעשו עולה (קידושין) וואס איז נישט קיין איסור, אבער א גראבע עולה, וואס אויף דעים קען מען זאגן איז א העמידו דבריהם על דברי תורה למהדרין, וואס אויף דעים איז די בית מקדש חרוב געווארן.

2. אן עני המהפך בחררה דמיקרי רשע.

3. בר מבואה דאוקי ריחיא, (ב"ב) דהיינו איינער עפנט א מיל אין זיין מבוי, לאמיר זאגן אויף זיין בלאק, קען איינער פון א צווייטע מבוי נישט עפענען א רחיים אין זיין מבוי, אלץ א תקנא דרבנן.

און דאס איז די נעינטסטע משל צי די היינטיגע קאפיען סידיס, ווייל טעכניש ווען איך עפן א ריחיים נעם איך גארנישט צי פון מיין קאמפעטישן, נאך אלץ האט מען געמאכט א תקנה אז דו קענסט נישט עפענען אין זיין מבוי, וואס דאס איז בעצם די הייטיגע זכויות יוצרים אין סידיס.

**קורקלענד** • 18טן דעצעמבער 2023

לויט וואס איך האב פערזענליך אדורך געטון און זיך נאכגעפרעגט ביי גרויסע דיינים איז עס פולקאם אויסגעהאלטן. אויך עטיש האלט איך איז עס מער וויניגער אויסגעהאלטן. לעגאל איז עס נישט אויסגעהאלטן, די געזעץ אזוויי פילע אנדערע געזעצן איז נישט אויסגעהאלטן פון אן עטישע שטאנדפונקט.

שוין געווען אמאל דא דעבאטירט. [פארקירצט]

**עמרם** • 18טן דעצעמבער 2023

די דינא דמלכותא איז אפי' אויב די באקומסט א לינק מעגסטו עס אויך נישט קוקן ?

אדער נאר אז מ'מעג עס נישט קאפיען ?

און וואס איז מיט פלעין שערין די לינק ?

**שמן למאור** • 18טן דעצעמבער 2023

אזא איינער וואס וואלט עס נישט געקויפט סתם אזוי, נאר אז ער באקומט עס בחינם גייט ער עס קוקן, ביי אזא איינער איז לכאורה אויך נישטא דעם עטישן פראבלעם.

**אלע צוזאמען** • 18טן דעצעמבער 2023

הגאון ר' יחזקאל ראטה זצ"ל פלעגט טאקע מתיר זיין קאפיען סידיס מיט דער טענה.

**מיסטעריע** • 19טן דעצעמבער 2023

בעסיקלי לויט רבי יחזקאל ראטה זצ"ל, קען איך מאכן קאפיעס פון זיינע ספרים?

**אלע צוזאמען** • 20סטן דעצעמבער 2023

לכאורה...

**מן הסתם** • 20סטן דעצעמבער 2023

נישט לכאורה, נאר זיכער יא.. פאר א פריוואטע מענטש וואס קאפיעט פאר זיך אינישטא קיין שום איסור "עפ"י הלכה". אעכו"כ אויב ער פלאנט עס סיווי נישט צוקויפן..

**היימלינד** • 20סטן דעצעמבער 2023

איך בין אמאל געזעצן ביי א שבת סעודת ביים גאב"ד רי"ט וייס זצ"ל און איינער האט איהם געפרעגט צי מען מעג קאפיערן פון ספרים, האט ער אויפגעמישט א ספר און פארגעליינט מיט א שמייכעל דאס וואס די מו"ל שרייבט: איסור השגת גבול ידוע וכו', האט יענער נאכאמאל געפרעגט צי איז טאקע דא אן עכטע איסור? האט ער נאכאמאל פארגעליינט און אזוי חוזר חלילה עטליכע מאל.

מיר און די אנדערע דארט האבן פארשטאנען אז ער וויל נישט זאגן קיין עכטע איסור, אבער מתיר זיין עפעס נישט מענטשליך וויל ער אויכעט נישט, דערפאר האט ער נאכאמאל און נאכאמאל פארגעליינט.

**קורקלענד** • 20סטן דעצעמבער 2023

די שאלה איזה צי ס'איז טאקע נישט מענטשליך. געווענליך זענען מענטשן מער אויסגעשטעלט צו האבן געהערט אלע א"ג סיבות וואס זאגן אז ס'איז אוממענטשליך. וויינציג וואס א רב זאל זיך האבן ארייגעטון אין די מענטשליכע סיבות פארוואס ס'זאל יא זיין אויסגעהאלטן.

**יום טוב ליפמאן צונז** • 20סטן דעצעמבער 2023

גראדע איז שווער צו טרעפן די נייע די ווי די סלאוויטא אונליין. זיי מאכן א גיטע ארבעט און וואו ס'ווערט ארויף געלייגט גיבן זיי איין א קאמפלעין אויף קאפי רייט און ס'ווער אראפ גענימען.

**קורקלענד** • 20סטן דעצעמבער 2023

ס'גייט זיי זייער רייך מאכן.........

נישט לאנג צוריק געדענק איך לערנען עפעס אין גמ' זה נהנה וזה לא חסר.......

**תורה און וויסנשאפט**

# פארוואס האט די גאנצע וועלט זיבן טעג א וואך?

„ששת ימים תעבד ועשית כל מלאכתך, ויום השביעי שבת“ – אזוי שטייט אין די עשרת הדברות. אבער פארוואס האלט די גאנצע וועלט, אפילו אין כינע און אינדיע, א וואך פון זיבן טעג? איז דאס א ראיה, אדער האבן עס די בבליים איינגעשטעלט לויט די שטערן און דער לבנה? א שמועס אין קאווע שטיבל פון אפריל 2023.

פון **מי אני, זיצער, אלבערט איינשטיין און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • העמק דבר • „7 טעג א וואך“ • 26סטן אפריל 2023
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16112.html#p522799

**טראמפ...ייטער** • 26סטן אפריל 2023

איינער קען מיך ענפערן פארוואס מיר האבן 7 טעג א וואך און די גאנצע וועלט איז דאס נישט א ראיה און א פאקט אויף אמיתת התורה

**צוזאמגעדרייט** • 26סטן אפריל 2023

וואס האט עס מיט תורה? אפשר וויבאלד עס איז דא זיבן טעג אין א וואך האט מען אויסגעשטעלט די תורה עס זאל לויפן טאקע אויף דעם וועג וויאזוי עס איז געלאפן ביז דעמאלטס.

איך האב שוין גראדע געהערט מער ווי איין מאל איבער דעם זיבן טעג א וואך אין דער גאנצער וועלט. דו קענסט מיך ציווייזן א פראפעסיאנאלע מקור צו דעם?

אז אין בראזיל האלט מען זיבן טעג א וואך וועט איך, איך וויל וויסן וואס טוט זיך מיט פארשטופטע שבטים.

**אלע צוזאמען** • 26סטן אפריל 2023

ס'איז טאקע יא איינע פון די גרעסטע ראיה'ס!

ווען איינע פון די רוסישע צאר'ן האט פרובירט צו טוישן די ארבעט'ס טעג, אז ס'זאל נאר זיין פינף טעג, האט עס מיאוס געפלאפט.

פסח ביינאכט, נאך דער הגדה פרעגט מען 'אחד מי יודע וכו', אלעס איז אידישע ענינים, ביי זיבן אבער, איז עס די טעג פון דער וואך, כ'מיין אז מ'זאגט עס נאך פון איינע פון די בעלזא רבי'ס, אז ער האט געפרעגט זיין טאטע, וואס האט דאס מיט אידישקייט, האט אים זיין טאטע געענטפערט די אויבערדערמאנטע תירוץ.

**מי אני** • 26סטן אפריל 2023

די וועלט האט עס אנגענומען ווייל א דאמינענט אור-אלטע קולטור האט עס אנגענומען במוסכם אז אזוי לאנג רעכענט מען (ארביטרערילי) א "וואך" אלס א געוויסע יוניט פון צייט. (די מצריים האבן געהאט א 10 טאג וואך.) ענליך צו ווי די וועלט האט אנגענומען (מהבבליים) אז א "מינוט" יוניט פון צייט איז (ארביטרערילי) 60 סעקונדעס; דאס ווייזט נישט אויף גארנישט. די שאלה איז פארוואס האט עס די דאמינענט קולטור (אויך די בבליים דא) אנגענומען? איז דאס א ראיה לששת ימי בראשית ושבת, אדער איז פארקערט אז וויבאלד די דאמינענט קולטור האט דאס אנגענומען האט מען שוין ארום דעם געמאכט די סיפור בריאת העולם? עס זענען דא וואס קלערן אז די בבליים האבן עס אזוי איינגעשטעלט עפ״י א (בערך) פערטל פון הילוך לבנה בהחודש (און די פיר צורות/phases פון דער לבנה במשך החודש: האלבע איין זייט, גאנצע, האלבע אנדערע זייט, מולד), וואס זייער קאלענדער איז געגאנגען שטארק לפי מולד הלבנה, וג״כ עפ״י אור-אלטע אסטראלאגיע וואס האבן נאר געוואוסט פון שבעה כוכבי לכת, ועפ״ז אויסגעשטעלט א סייקל פון איין טאג פאר יעדעס כוכב.

דאס אז עס איז אזוי פארשפרייט כהיום אויף דער וועלט, ווייזט פשוט מער אויף דער אינפלוענס פון קריסטענטום (און איסלם) איבער דער וועלט פאר מער פון 1,000 יאר.

דאס אז מ'קען עס נישט אויסרייסן ווייזט פשוט אז עס איז גאר גאר שטארק מוסכם און פארשפרייט מדורי דורות. נישט מער.

**סקעפטיקער** • 26סטן אפריל 2023

אבן עזרא פרשת בשלח והחל המן לרדת ביום ראשון, כי מיום רדתו נחל לספור, כי כל האומות סומכין על ישראל במספר הזה. והנה הערלים קראו שמות ימי השבוע על שמות המשרתים, ויום שבת לא כן. ובלשון ערבית קראו חמשה ימים על דרך המספר, ויום ששי: אלגומ"ע על שם חבורם, כי הוא להם היום הנכבד בשבוע. ויום שבת קוראין אותו: סַבְּת, כי השי"ן והסמ"ך מתחלפים בכתיבתם. ואלה – מישראל למדו, כי הנה אנשי הודו, שאינם מודים במעשה בראשית, תחילת ימי השבוע להם יום רביעי, בעבור כי כוכב היום הוא כוכב חמה, ויש לו שלטון עליהם כפי דבריהם

**זיצער** • 26סטן אפריל 2023

דאס וואס מען האט אנגענומען אז א מינוט און 60 סעקונדעס און א שעה איז זעכציג מינוט הגם עס ווייזט נישט אויף גארנישט אזויווי „מי אני" האט געזאגט, דאך איז עס באזירט אויף א מאטעמאטישן ווערד, צי ווייל 60 צעטיילט זיך גוט, צי זאל זיין די סיבה ווייל די בבליים האבן גענוצט א 60 בעיס סיסטעם פאר נומערן (אפשר איז עס היינו הך), אזוי צי אזוי, איז עס געמאכט מיר א חשבון משא"כ 7 טעג א וואך האט נישט קיין פשט.

בכלל פארשטיי איך נישט וואס דער פותח וויל ברענגען א ראיה צו רעליגיע בכלל, אפי נניח אז עס איז באזירט אויף די ששת ימי בראשית און נישט פארקערט, איז דאס נישט קיין ראיה, סאיז סך הכל א סימבאל דערצו, אז דער וואס האט איינגעשטעלט די סדר האט געהאלטן אז סאיז געווען ימי בראשית.

**צוזאמגעדרייט** • 26סטן אפריל 2023

וואס איז די חשבון מיט 60?

שוין לאנג וואס עס גייט מיר אויף די נערוון.

אויף 12 אינטשעס. וואס דע העק!

**זיצער** • 26סטן אפריל 2023

12 און 60 האבן לכאורה די זעלבע סיבה,ביידע צוטיילן זיך דאס מערסטע און גאנצע נומערן אונטער זיי.

**מי אני** • 26סטן אפריל 2023

די געדאנק וואס איך האב געוואלט ארויסברענגען אז דאס אז כהיום האבן אונז 60 סעקונדעס אין א מינוט און 60 מינוט א שעה, איז ארביטרערי און ווייזט פשוט אז אונז האבן דאס געי'רש'ענט פון אן אור-אלטע קולטור (שנער ובבל) און דאס איז שוין אזוי נפוץ ומוסכם געווארן בהעולם (ואפילו בהודו). און דאס איז הגם זייער בעיס-60 סיסטעם איז שוין אויס. וה"ה לגבי א 7 טאג וואך: זיי האבן עס איינגעשטעלט און דאדורך איז עס נפוץ ומוסכם געווארן, הגם די טעם קען שוין זיין בטל. די שאלה איז פארוואס האבן זיי דא גענוצט 7? 60 ווייסן מיר כנ"ל, אבער פארוואס 7 ביי א וואך? איז דאס טאקע וועגן זיי האבן אויך געגלייבט (מעיקרא) בשבעת ימי בראשית? אויף דעם זענען דא אנדערע הסברים ווי א סייקל פון ז' ימים נגד ז' כוכבי לכת אדער צו צוטיילן דעם סיבוב הלבנה בחודש כנגד די פיר פעיזעס שבה בתוכה.

[פארקירצט]

**שארפזקאפ** • 26סטן אפריל 2023

איך פאנג נישט אן צו פארשטיין די קשיא...

וואס האט די פאקט אז די וואך איז זיבן טעג צו טון מיט צי עס איז אמת, ווייל די תורה זאגט עס איז דא א זון אין לבנה איז עס אמת?

**אלבערט איינשטיין** • 26סטן אפריל 2023

ער פרעגט וויבאלד מען זעט נישט קיין נארמאלע סיבה פארוואס יונערווערסאל איז אנגענומען די 7 טעג. דארף עס באדייטן אויף עפעס.

די זעכציג מיט די צוועלעף איז יונערווערסל אנגענומען וועגן דער מאטעמאטישקייט דערפון. די איינציגסטע נארמאלע הסבר איז וועגן צוטיילט פונעם חודש אין פיר. אבער גאנץ שוואך וויבאלד עס קומט קיינמאל נישט אויס די וואכן זאלן לויפן אינאיינעם מיטן חודש.

איינער האט אנגעמערקט אז וועגן דעם אנפלוס פון קריסטן און איסלאם האט עס פארשפרייט געווארן יונערווערסאל. שטימט נישט מיט די ווייטע אזיע לענדער וואס האבן אויך די חשבון אבער מיט די צוויי פרי דערמאנטע רעליגיעס גארנישט געהאט

**כרם זית** • 26סטן אפריל 2023

וידועים דברי הכוזרי.

**זיצער** • 26סטן אפריל 2023

„...א סייקל פון ז׳ ימים נגד ז׳ כוכבי לכת“

דאס איז זייער מסתבר, נעמענדיג אין אכט אז די נעמען פון די טעג זענען טאקע באזירט דערויף, און אין געוויסע קולטורן האלטן עפעס אז די מזל האט שייכות צום טאג.

**אלבערט איינשטיין** • 26סטן אפריל 2023

שוואך. ווייל עס איז גאנץ צושפרייט צווישן אסאך פארשידענע קולטורן וואס האבן געלעבט אין אנדערע פלעצער און נישט געוואוסט איינער פונעם צווייטן. וואס האבן זיי אלע געמאכט פונקט האלטן אז מען וועט מאכן א סייקעל פון טעג לויט די מזלות און נישט לויט די פינגערס פון די הענט.

**מי אני** • 26סטן אפריל 2023

„די איינציגסטע נארמאלע הסבר איז וועגן דאס צוטיילן דעם חודש אין פיר...“

איה״נ. ובפרט אז ס׳דא עווידענס פאר דער זיבן-טאג וואך אין יענע מדינות פאר דעם אויפשטייג און פארשפרייטונג פון נוצרות ואיסלם (וואס איסלם איז יא אנגעקומען אין יענע ראיאן בהודו מיט בערך 900 יאר צוריק). די מהלך פון מאכן א זיבן טאג סייקל יום לכוכב מהז׳ כוכבי לכת וואס זיי האבן געקענט זען, און/אדער צוטיילן א חודש אין 4 לפי די 4 פעיזעס פון דער לבנה בהילוכה בהחודש, שטימט יא. ואיה״נ אז זיבן טאג איז נישט פונקט א פערטל פונעם חודש, וממילא גייט עס מישט לויפן אין סינק, איז דאס אבער נאך גענוג מאסגעבענד אויף אוועק צושטעלן א סייקל מיט דעם נומער אלס א ״בערך״.

וויקיפידיע שרייבט אז די זיבן-טאג וואך איז אנגעקומען להודו וסין דורך יון, וואס צו זיי איז דאס אנגעקומען דורך בבל.

איך האב טאקע אראפגעברענגט די כוזרי (מאמר א אות נט) וואס ברענגט זיך א ראיה לחידוש העולם פון הסכמת העולם צום בעיס-10 סיסטעם. און פריער דארט, באות נז, ברענגט ער זיך דאס זעלבע ראיה פון הסכמת העולם לז׳ ימים בשבוע, ואף במדינות צין ואיי המערב ע״ש. (דער קול יהודה דארט ברענגט צו דעם אבן עזרא אין בשלח וואס @סקעפטיקער האט פריער צוגעברענגט.)

**מי אני** • 26סטן אפריל 2023

דאס איז פשוט: אלס אסטראנאמיע. מיינענדיג, דאס אז די משך פון א חודש איז (בערך) 30 טעג און דאס אז די משך פון א יאר איז 354/365 טעג, איז תלוי לפי מהלך הלבנה/החמה - אסטראנאמיע. ולכן, אז מ׳שטעלט אוועק א משך פון א וואך, שטעלט מען דאס אויך אוועק לפי אסטראנאמיע והכוכבים; די כוכבי לכת און/אדער פעיזעס פון דער לבנה. ואיה״נ אז מעיקרא האט דאס נישט יעדער אנגענומען און די מצריים האבן צב״ש געהאט א וואך-סייקל פון 10 טעג כנ״ל.

ביים רעכנען א טאג, וואס ווערט אויך בעצם געּרעכנט עפ״י אסטראנאמיע והיינו מהנץ החמה עד השקיעה, צוטיילט מען דערין די שעות ודקות שוין יא ארביטרערילי, וויבאלד עס איז נישט (געווען) שייך דאס צו צוטיילן עפ״י אסטראנאמיע.

**עדיאל** • 26סטן אפריל 2023

ס׳א מה מצינו מיט א פירכה. ווייסטו פארוואס ס׳דא ששת ימי המעשה, ווייל דינסטאג איז נכפל בו כי טוב, העסטו זאגן אויף א גרינעם מיטוואך ווען מ׳עסט מילכיגס?

כ׳קלער נאר טאמער די תורה וואלט געהאלטן די פראנצויזשע רעוואלוציענערע צען טעג וואך וואלט געווען מער צייט פאר בריאת העולם מיט יישוב הדעת, און מ׳וואלט געקענט האבן א גאנצע טאג פאר באשאפן צווענגל מיט שדים, און נישט אזוי געיאגט ערב שבת בין השמשות ווען מ׳דארף שטעלן די בלעך און שניידן נעגל.

בכל אופן, וועט די זיבעטע טאג, וואס הייסט נאך שבתאי, מוזן אויסגעפאלן די רוה טאג, ווייל אויף לשה"ק באדייט שבת רוען.

**אנשי שם • צו כ"ב שבט**

# רבי מענדעלע פון קאצק – די יארן פון „ימי ההסגר“

שבת פרשת יתרו, כ"ב שבט, איז די יארצייט פונעם קאצקער רבי'ן, רבי מנחם מענדל (תרי"ט). „דולה ומשקה“ האט אין זומער תשע"ה אין קאווע שטיבל געשילדערט די יארן ווען דער קאצקער האט זיך פארשלאסן אין זיין צימער, און ווי די חסידים, די משפחה און די ספרים האבן עס געזען.

פון **דולה ומשקה** • אויסגעקליבן און מגיה געווען

קאווע שטיבל • אנשי שם • „רבי מנחם מענדל מקאצק - וימי ההסגר“ • 8טן יולי – 5טן אויגוסט 2015
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9264.html#p288284

דער הייליגער רבי מענדעלע פון קוצק איז ווי באוויסט געוועהן איין שטיק 'סוד', אלעס ארום איהם איז געווען ארום גענומען מיט א זעלטענע שלייער פון מיסק און מיסטעריע, אלעס דארט ביי איהם איז געווען פארהוילן אין א שטימע באהאלטענקייט. נאך אין די צייטן וואס ער פלעגט זיך נאך יא באוויזן און ארויס קומען צו זיינע חסידים איז צורת קדשו בכלל ועיניו הטהורים בפרט געווען ווי איינער וואס וויל זיך דארט בכלל נישט געפונען, אבער דער טרייסט פאר די חסידים איז געווען אז דער רבי איז משפיע פאר זיי פון אור תורתו תהליכות דרכו בקודש.

אבער ווען דער 'ימי ההסגר' האט זיך אנגעהויבן, און דערנאך האט זיך דאס געשלעפט פאר וואכן, און פון וואכן צו חדשים, פון חדשים צו יארן, פון יארן צו נאך יארן, אזוי האט דאס אנגעשלאסענקייט אנגעהאלטן פאר א קיימא לן פון איבער צוואנציג יאר. דער גאנצע פרשה איז ארום גענומען מיט א שטארק טינקעלע נעפל, פונקט אזוי ווי די קוצקער חסידים בשעת די 'שנות ימי ההסגר' וואס דאס האט געמיינט אויף זיי, ווי אזוי דאס האט געווירקט אויף זיי און אויף די בני בית, און אויף דער גאנצער שטוב פונעם רבי בפרט.

*

די ערשטע זיבן יאר פון זיי איינזאם אליינס זיצענדיק אריין געשפארט אין זיין צימער, וואס ער האט געטון דארט אינעווייניג אזוי לאנג וועט מען קיינמאל נישט וויסן, בבחינת במופלא ממך אל תתדרוש. דאס האט זה לעומת זה געברענגט אויף איהם א שטארקע עצבות, וואס האט זיך אלץ געטון פארשטערקערן מער און מער. ווי א לייב וואס איז איינגעשפארט אין שטייג "חיה גועש וסוער". ער האט קיינעם נישט געשוינט, צו אריין זאגן אויף וואס עס זאל נאר נישט זיין.

נאך א געוויסע תקופה, ווען דער רוגזא האט זיך אביסעל אנגעשטילט, איז ער מער אריין געפאלן אין א שטארקע עצבות. ס'דא וואס זאגן ווייל ער האט זיך אליינס געלאזט זיך איינרעדן אז זיינע חסידים הייבן אן אוועק צו גיין צו אנדערע. א שטיקעל אמת איז דא אין דעם אבער דאס איז געווען ביים איזביצער אבער דער הנהגה פון דעם 'מי השילוח' האט זיך אנגעהויבן ערשט אסאך יארן שפעטער, און אוודאי נישט אין די ערשטע צער לכל הפחות פון ווען דער 'ימי ההסגר' האט זיך אנגעהויבן.

על כל פנים דער הייליגער קוצק'ער האט געהאלטן אז זיינע חסידים זענען פארפרוירן געווארן, און זיי זענען נישט גענוגנ מעורר זייער געדאנקען־גאנג לחשבות ולמעשים. ס'זייער שווער, אבער צו פארשטיין די מאדענע פירונג פון דעם קוצק'ער, זיינע ווערטלעך וואס זענען געווען שפוציג און בייסיג, מיט דעם אלעם קיינער זאל נישט פארדרייען דער געשיכטע, ווייל מיט זיין איינזאמקייט האט מען נאך אלץ געקענט זען אויף איהם זיינע פרעזענטליכע גרויסע כאראקטער, זיין זעלבסשטענדיקייט פון קדושה.

*

אין שווערסטע און אבסוריטע מינוטין האט דער הייליגע קוצק'ער ווייטער חוקר ודורש געווען ווי ער האלט דא אויף דער וועלט, אנצוקומען צום אמת'דיגן תכלית, זיינע חקירות האט ער געשניטן מיט גאר אן עקסטרעמע שארפע מעסער. ווי זיין דרך איז געווען בכלל אז דארט ווי ער איז אנגעקומען איז ער כסדר געבליבן, ער האט קיינמאל נישט צוריק געטרויטן פון א באשלוס וואס ער האט געמאכט. אפילו ווען אנדערע האבן איהם באוויגן, האט ער נישט חס געווען אויף קיינעם, זיך נישט געשעמהט אדער דערשראקן.

ס'איז כדי מעתיק צו זיין, אראפ ברענגען א קיצוניות'דיגע 'ווארט' פון דעם הייליגן קוצק'ער וואס דאס שפיגעלט אפ זיין פרעזענטליכע הילוך המחשבה. רבי מענדיל מקוצק האט מפליג

געווען בשבחו פון פרעה מלך מצרים אז פרעה זעלבסט האט זיך שטארק געמאכט זיין הארץ, און ער איז געבליבן אייזן שטארק על דעתו עד הסוף... לויט דעם הייליגן קוצק'ער וואלט א צווייטע מענטש זיך שוין גלייך אינטער געגעבן אפילו נאר פון איינע פון די עשר מכות, אבער פרעה זעלבסט - האט דער קוצק'ער מסביר געווען - האט געוויזן פאר יעדעם איינעם אז ער איז אן אמת'ע שולט על דעתו, "פרעה לקה בכמה מיני מכות ולא זע ולא חת ונשאר בר נש".

דאס לעבן זיינער איז געווען א טראגעדיע, דער לעבן פון זיין איינזאמקייט און פון זיין עלענד אליינס. יעדעס 'ווארט' וואס ער האט ארויס געזאגט פון זיין מויל דורכאויס דער ימי ההסגר זאגט עדות אויף די חבלי נפש און די יסורים וואס ער גייט אדורך. דער פסוק זאגט "יוסיף דעת יוסיף מכאוב" - האט דער קוצק'ער געטייטשט אז שטענדיק דארף א מענטש 'להוסיף דעת', אפילו דאס איז 'מוסיף מכאוב'.

## „שטענדיק דארף א מענטש 'להוסיף דעת', אפילו דאס איז 'מוסיף מכאוב'"

*

נאך זיבן יאר פון זיין אין א מלחמה מיטן זיך אליינס, אן אינערליכע קריג פון זיין פארקראכן אין זיין אייגענע פנימיות. האט זיך דער הייליגער קוצק'ער זיך איינגאנצן אריין געשפארט פאר נאך גאנצע דרייצן יאר. אין די ערשטע זיבן יאר איז ער נאך ארויס געקומען עטליכע מאל א חודש, טאקע פאר גאר קורצע מינוטן אדער עטוואס לענגער, אזוי אויך איז געווען טעג וואס ער האט אפילו אויף גענומען ממש פאר א קורצע צייט, אבער אנדערש איז געווען דער קומענדיגע דרייצן יאר, וואס איינמאל דער נייע תקופה האט זיך אנגעהויבן איז דער שינוי געווען גאר בולט, ווייל מער איז ער שוין בכלל נישט געווען ארויס געקומען, נאר און בלויז איין מאל יאר, דאס איז געווען מדאי שנה בשנה ערב פסח, ער איז ארויס געקומען פון זיין אייגענע תפיסה דאס איין מאל זיך צו קענען וואשן און זיך צוגרייטן לכבוד יום טוב.

זיין עסן איז געווען גאר ווייניג און אזוי אויך דאס טרינקען, איבריג צו זאגן אז עס זענען געווען צייטן וואס אין זיי האט ער כמעט געגנצליך געפאסט. איינער פון זיינע אייניקלעך א צוועלף יעריגע מיידעל פלעגט איהם צו ברענגען זיין מאלצייט פאר דעם גאנצן טאג, וואס איר אינהאלט איז געווען עטליכע מיני משקאות ווי וויין וכדומה. בייגאכט האט זי געברענגט א פארגליווערטע זופ און פלייש צו שניטן אויף קליינע שטיקלעך. דאס איז געווען מדאי יום ביומו פאר גאנצע דרייצן יאר.

דער סדר איז געווען זי האט עס אראפ געלייגטביים טיר, געגעבן א קלאפ, זי האט נישט געטארט אוועק גיין פון דארט ביז ער עפענט אויף דער טיר, געוועגטליך פלעגט ער טאקע באלד צו עפענען די טיר און איר נישט געלאזטווארטן, דאן האט ער גענומען די טעללער צו זיך אין זיין צימער. (ס'דא וואס זאגן אלץ בשר שנתעלם מן העין האט נישט געלאזט דער טעללער זאל דארט זיין אליינס, אפילו עס איז געווען ביי זיך אינדערהיים). שפעטער האט ער זיך שוין נישט געלאזט באדינען דורך איר, געוועגטליך איז עס געווען מיידלעך אייניקלעך וואס האבן איהם געברענגט די עסן, אויב איז פונקט נישט געווען קיין אייניקעל דאן א שנור אדער א טאכטער, לפעמים אפילו א משרתת, אבער א מאן'ס פערשוין נישט, דאס עסן ברענגען האט געדארפט זיין דורך א מיידעל/פרוי דוקא.

*

פאר קיין מענטש איז נישט געגעבן געווארן רשות אריין צו גיין צו איהם, כי כן צוה המלך, יהי' מי שיהי', אמאל אמאל האט זיך געמאכט עפעס א יוצא מן הכלל, אויך ווען דאס איז געווען פארבינדן מיט עפעס גאר חשוב אדער וויכטיג, נאר דעמאלס האט ער אבער אויך קוים אריין געלאזט עטליכע פון זיינע גאר נאנטע מקורבים.

דורך די דרייצן יאר האט זיך געקענט מאכן א פלוצלינג זאל ער קענען געבן א קום ארויס, דאס מיינט נישט ארויס גיין אינדרויסן, נאר פון זיין צימער צום בית מדרש'ל, ווען ער האט אמאל א יובל געמאכט דעם פלוצלינגדיגע איבעראשונג, האט ער געשריגן בקולי קולות אויף די וואס זענען דארט געזעצן, אמאל האט ער געקענט אפילו דערלאנגען געזונטע פעטש און קלעפ, ביי אזעלכע פעלער פלעגט טאקע זיין גרויסע תלמיד דער חידושי הרי"ם מיטן הילף פון רבי דוד'ל - א זון פונעם קוצק'ער - ארויסשלעפן דער קוצק'ער און איהם צוריק אריין פירן צו זיין צימער, ווי ער איז דערנאך ארום געלאפן ווי א פאר'סמ'טע מייז, און זיין שרייערי האט זיך געקענט הערן ווי דער ברומען פון א געפאנגענע לייב.

ס'האט זיך אויך געמאכט אמאל אז דער גרויסע צדיק רבי יחיאל מאיר פון גוסטנין האט גענומען דער קוצק'ער אויף זיינע אקסלען, כדי איהם צוריק צו פירן און פארשפארט דער טיר.

ווען אזעלכע אומשטענדן האבן זיך געמאכט און מ'האט איהם געדארפט צוריק אריין פירן צו זיין חדר מיוחד, פלעגט דערנאך זיין יונגע פרוי, זיינע צווייטע זיווג וואס איז געווען אסאך יארן יונגער ווי איהם, פלעגט זי אריין גיין צו איהם און צימער, צוגעשפארטעהייט, איהם שטיל מאכן און בארואיגן.

*

וויניג מאל האט זיך געמאכט א 'עת רצון' ביים הייליגן רבי ר' מענדל פון קוצק, אבער פון די עטליכע מאל עס האט שוין יא געטראפן אזא שעת הכושר האט ער געקענט רעדן און שמועסן מיט זיינע גאר נאנטע מקורבים, און אזא עידן חדותא האט ער געו־עדט בנחת ובשלוה און אמאל האט ער זיך אפילו ערלויבט צו שמייכלען אביסעל.

עס זענען געווען געוויסע שבתים און יאר וואס ער האט אפילו געזאגט 'תורה' אבער בלויז נאר פאר רבנים און פאר די ספעציעלע חסידים ואנשי מעשה, און דאס איז געווען מיט גרויסע שטרענגהייט, אך און פאר איז געווען ווען ער האט באמערקט איינער וואס ער האט נישט געגעבן דער רשות השמיעה.

צו פארשטיין ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען, דארף מען וויסן אז עס זענען געווען צוויי פאר פענסטערס (דאס מיינט צוויי פענסטערס וואס יעדער פענסטער איז געווען צו טיילט אין צוויי) ביים וואנט וואס האט צוטיילט דעם חדר המיוחד און דאס בית מדרש'ל. דער גאנצע וואך זענען די פענסטערס געווען פארמאכט און פארשלאסן. שבת קודש און ימים טובים האט מען געפענט איין זוג פון פענסטערס וואס דורך זיי האט דער קוצק'ער געהערט חזרת הש"ץ, קריאת התורה, קדישים וכו'. ביי גאר אויסנאמע פעלער האט דער רבי אויך געקענט אריין בליקן צום בית מדרש'ל פאר עטליכע לאנגע סעקונדעס.

שבת קודש, האבן זיינע אייניקלעך - בלויז די יונגערע – זיך נוהג געווען אריין צו גיין אין זיין צימער, און דער הייליגע זיידע פלעגט זיי פארהערן אויף זייערע לימודים וואס זיי האבן געלערנט במשך דער גאנצע וואך. נאכדעם האט ער געטיילט פאר זיי 'פירות שבת', בשעת דער פארהער צייט פלעגט ער זייער שטארק הנאה האבן, אדרבה ער פלעגט ווארטן דערויף ווען דער פארהער צייט זאל ווידער אפיר קומען. דאס פלעגט אין איהם אריין געבן א געוואלדיגע חיות.

*

יא, פון דער שוואכער פעסטונג, האט דער הייליגער רבי מענדיל פון קוצקער גוט אריין געקוקט אין זיין צעבראכענע נפש, וואס האט געזוכט א תיקון און אן אמת'ע תכלית. דאס אלעס איז געווען באהאלטן אונטער א גאר מאדענע התנהגות און ציטערדיגע הויעכע געשרייען.

[פארקירצט]

*

אז מ'קוקט אריין אין פארשידענע ספרים וואס שרייבן פון קאצק קען מען ארויס האבן א פונקט פארקערטע בילד, אז דער הייליגער קאצק'ער איז יא געווען אויף צו די מאורעות הזמן, נייעס, פאליטיק און וועלטליכע געשעהענישן, און טאקע דוקא אין דער צייט פון זיי הסגר ופרישות.

לדוגמא, אין דער צייט פון דער צער ניקאלייא דער ערשטע, ווען דער רוסישע מלוכה האט אנגעהויבן צו נעמען אידין צו דינען אין דעם מיליטער, האבן זיך די משכילים שטארק דערפרייט דערצו, ווייל זיי האבן געזען אין דעם א טריט פאראויס צו גלייך זעלבסטשטענדיק מיט אלע אנדערע בירגערס פון לאנד, וואס אזא זאך איז זיי געגענגען בנפשם.

דער הייליגער קאצקער האט אבער געהאלטן פארשטייט זיך פונקט דאס פארקערטע, ער האט דאן געטייטשט דעם פסוק "כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם", אז דער ווילאנג די אידן געפונען זיך נישט אין ארץ ישראל, איז אסאך בעסער פאר זיי צו זיין ווי גרים, און נישט קיין גאנצע בירגער, גלייך ווי די גוים.

לעומת זה האט הגאון מטשעכענאוו און דער חידושי הרי"ם ארויס מיט א שטארקע קול קורא אז מ'דארף זיך מוסר נפש צו זיין כדי מ'זאל נישט קענען צו קומען עובר צו זיין דעם איסור פון שינוי לבוש. דער קאצק'ער האט מגיב געווען דערויף מוט זיין שארפקייט אז דאס איז בכלל נישט קיין "יהרג ואל יעבור", און אנשטאט די צוויי גדולים זאלן מחמיר זיין אזוי שטארק איז בעסער ווען זיי וואלטן מפשיע געווען אויף כלל ישראל כדי מקרב צו זיין די גאולה.

טיף אין זיין ימי ההסגר ומשבר, און אין יענע מלחמה, האט דער קאצק'ער געזאגט עתידות אז רוסלאנד וועט האבן א מפלה, ווען די מלחמה האט זיך טאקע געענדיקט מיט א גרויסע דורכפאל פאר רוסלאנד, און אסאך אידישע זעלנער זענען געווארן באפרייט, אינציוושן זיי אסאך פון די "פארכאפטער בחורים", איז עס געווען דער רבי'ס שוועגערין, דער ווייב פון דעם חידושי הרי"ם וועלכע האט איהם איבערגעגעבן דעם בשורה טובה כדי איהם משמח צו זיין.

*

אויף דאס מדות הסבלנות פון דעם קאצק'ער, כאטש ער האט געהאט א ברענענדיגע נאטור, איז מעיד דער עובדא אז ער האט געגעבן א הסכמה אויף א ספר וואס א געוויסע תלמיד חכם האט פארפאסט, כאטש דאס אז ער האט נישט געהערט צו חסידות. דער מחבר איז געווען הרב אליעזר פערלמוטער, וואס האט געדינט אלץ חזן אין דער לאדזש'ער שול, העכער דער הסכמה פאר דעם ספר "אבן משה" האט הרב פערלמוטער געשריבן: "הסכמה, כבוד כקש"ת אדמו"ר הגאון הגדול החסיד המפורסם תפ"י בוצינא קדישא מרנא ורבנו הר"ר מנחם מענדל שליט"א".

הומאר

# ווי אזוי האט יתרו אויסגעזען?

אין יאנואר 2022, אין דער וואך פון פרשת יתרו, האט „לאוולי“ פארגעלייגט אין קאווע שטיבל: יעדער זאל באשרייבן ווי ער שטעלט זיך פאר יתרו'ן. די ענטפערס האבן ארומגענומען בענד־דאונס, שיך פאר א לאנגן וועג און די בילדער אויף די שער־בלאטן פון אלטע חומשים – ביז דער ניק „יתרו“ האט זיך אליין אריינגעמישט.

פון **לאוולי, וואלווי, berlbalaguleh און אנדערע** • אויסגעקליבענע תגובות [פארקירצט]

קאווע שטיבל • געזעלשאפט • „יתרו - ווי אזוי קוקט ער אויס?“ • 20סטן–22סטן יאנואר 2022
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15101.html#p492338

---

**לאוולי** • 20סטן יאנואר 2022

ס'איז גוט אמאל צו זען די פיגורן פון דער תורה, און צו פארשטעלן ווי אזוי בערך זיי קוקן אויס.

לאמיר אנפאנגען מיט יתרו. יעדער איינער זאל שרייבן ווי אזוי ער שטעלט זיך פאר אז ער האט אויסגעקוקט.

אין מיינע אויגן איז יתרו געגאנגען א בענד-דאון, א רויטע שפיציגע בארד מיט א דריי-פערטל רעקל.

וואס קלערט איר, ווי אזוי האט יתרו אויסגעזען?

**ערבי נחל** • 21סטן יאנואר 2022

ער האט אויסגעקוקט ווי דער בעל תשובה מיט די הויעכע היט און דזעקיט. און האט אייביג טענות אויף אלעס אין צום סוף וישלח משה את חותנו

**ברוינשטיין** • 21סטן יאנואר 2022

ער איז שוין געגאנגען מיט די דרוזישע הויזן?

**וואלווי** • 21סטן יאנואר 2022

„שיך אבער האט ער געטראגן sas פון די גראבע סארט, איך ווייס נישט פארוואס.“

שטעל דיך פאר פארוואס, ער האט געדארפט גיין פון מדין ביז סיני, דרעסי שוז וואלט נישט געארבעט...

**וואלווי** • 21סטן יאנואר 2022

רויטע בארד, אקעי. אבער בענד דאון מיט דריי פערטל רעקל?!

אפשר איז ער געווען אן אויפגעקלערטע חבד'סקער מיט אזא מיני סירטוק. האסט געמיינט פון דערוואטענס אז ס'איז א דריי פערטל..

**וואלווי** • 21סטן יאנואר 2022

און ווי אזוי האט חור אויסגעזען?

משה רבינו'ס הענט אויף ארויף ביי עמלק מיט די צוויי אינטער האלטערס, האט מן הסתם אויסגעזען ווי די פיקטשערס פון תולדות א"י רבי אין דעם בליק..

**קהל'ס נער** • 21סטן יאנואר 2022

אויב איינער וויל וויסן וויאזוי משה און אהרן האבן אויסגעזעין, קען מען טרעפן אין דעם שער בלאט פון אלטע ספרים, משה רבינו האט הערנער אהרן הכהן אויך עפעס א מאדנע פרצוף, ווער ס'ווייסט וואס איך מיין זאל ביטע ברעינגען א בילד.

**berlbalaguleh** • 21סטן יאנואר 2022

קהל'ס נער: אין דיין ערשטן פאוסט (וויאזוי יתרו זעט אויס) האסטו שוין געקאווערט אלע בעיסעס. ס'איז בעצם נישט דא וואס מוסיף צו זיין. נאר דאך. איך מיין ער איז געווען א דינער הויכער מענטש מיט א שטיקל ספירה בערדל. (5 אזייגער שאטן) ער איז געגאנגען אן אלטן אויסגעריבענעם רעקל מיט גלאנציגע הויזן [פארקירצט] אן איבערבלייב פון זיינע גלח'ישע קליידער. נאר דעם קאלנער האט ער (פארשטייצער) נישט געטראגן זייט משה רבנו איז געווארן זיין איידעם. ער האט געהאט א ביסל א הייזעריגע שטימע. נאך פון זינט ער האט געזאגט דרשות אין זיין טשוירטש א יעדן זונטאג. שפעטער ווען ר'האטציך מגייר געווען האט ער אייביג אריינגערעדט אינמיטן שיעור. [פארקירצט] ער האט געהאלטן אין איין געבן עצות פאר זיין איידעם. וואס צו טון. וויאזוי צו פירן . דער איידעם האטציך קיינמאל נישט אויפגערעגט אויף איהם. אייביג גערעדט מיט דרך ארץ. אזוי ווי מ'דארף רעדן צו א שווער...!

**וואלווי** • 21סטן יאנואר 2022

יא, ס'איז די שער בלאט אין די אלטע חומשים. ס'דא אויף דעם א ווערטל (קען זיין קלאפהאלץ ברענגט עס פון בעלזער רב מהרי"ד), אז ס'דא אויך חומשים וואס די בילד ווייזט מרע"ה א דארער הויעכער, און אהרן מער א ברייטער און קארצער לעבן די טרעפ פון דער מנורה, די הסבר איז, ווייל משה ואהרן שקולין כאחד, אבער משה איז דאך געווען צען אמות און אהרן האט געדארפט די סטעפ סטול, מוז זיין אז איינער איז ברייטער און איינער העכער.

טיפ: אז מ'מוטשעך זיך מצייר זיין קען מען אייביג זוכן העלפ ביי היהודים באים....

**berlbalaguleh** • 21סטן יאנואר 2022

וואלווי: אדער ביי קנאפפלער אין זיינע ביכלעך אויף דער פרשה...!

**וואלווי** • 21סטן יאנואר 2022

נעה, דארט זענען זיי שוין אכשר דרא'דיג, מ'קען שוין נישט טראסטן די בילד.

ערגעץ ווי זאגט די גמרא אז אהרון האט זיך געטרימט די בארד

**אלבערט איינשטיין** • 22סטן יאנואר 2022

[פארקירצט] אגב וויאזוי האט יתרו געקענט אנקומען אינעווייניג צו משה רבינו אין כלל ישראל. עס איז דארף געווען שווער פאר דרויסענדיגע אריין צו קומען וועגן דעם עמוד האז ענני הכבוד. זאגט די פסוק ויחד יתרו. יתרו האט זיך געשטאכן. גענומען די וואקסין....

**וואלווי** • 22סטן יאנואר 2022

ניין איך מיש נישט אויס, עיין בגמ' כריתות ה' ע"ב:

ת"ר {תהילים קלב } כשמן הטוב היורד על הראש וגו' כמין שתי טיפין מרגליות היו תלויות לאהרן בזקנו אמר רב כהנא תנא כשהוא מספר עולות ויושבות בעיקרי זקנו וכו'

רש"י שם ד"ה מספר - מדבר, ל"א מסתפר, דשקיל במזייה:

**יתרו** • 22סטן יאנואר 2022

„וואס קלערט איר, ווי אזוי האט יתרו אויסגעזען?"

געב מיר א רגע, כ'העל מאכן א סעלפי.

קורץ און שארף

# פערל פון די ארכיוון

צוויי ווערטער אויף די עשרת הדברות, א שלאף ערב שבת וואס האט זיך נישט אריינגעכאפט, און א ווערטל צו „לא תחמוד“.

## „רואים את הקולות“ – פארוואס האט מען געדארפט זען?

**פאלאצ'ינטא:**

געהערט א גוט ווארט פון דער אמרי אמת ז"ל פון גור.

דער ווארט איז אמת געווען ווען ער האט עס געזאגט און איז נאך מער אמת היינט(יגע צייטן)

(לעצטע וואך) אין פרשת יתרו שטייט ביי קבלת התורה, וכל העם רואים את הקולות. מען האט געקענט זען די ווערטער.

פרעגט דער אמרי אמת פארוואס? פארוואס האט מען געדארפט זען די ווערטער?

ענטפערט ער ווייל טאמער וואלט מען נאר געהערט וואלט מען געמיינט אז למשל לא תרצח שטייט מיט א וא"ו, לו תרצח אזוי ווי מען טייטשט עס היינט... יענעם מעג מען הרג'נען (אדער גאר א מצוה צו הרג'נען)

האט מען געדארפט זען אז עס איז לא מיט אן אל"ף

קאווע שטיבל • „קלוגע ווערטער און געדאנקען“ • 7טן פעברואר 2024
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10712.html#p548618

## „ווען עס איז דא ניין, וועט זיין צען“

**פאליטיקאנט:**

מזל טוב קאווע שטיבל!
היינט איז ניין יאר!

**א חסיד פון ווילנא:**

באקאנט ווארט פון בעש"ט הק' „ווען עס איז דא ניין וועט זיין צען“
(געזאגט לגבי דעם צענטן דיבור לא תחמוד)

קאווע שטיבל • 17טן פעברואר 2021
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1526.html#p467160

## א דרימל ערב שבת – דער עלפטער דיבור?

**בן נון:**

עס איז באקאנט א מעשה מיט איינער פון די רבי'ס איז ער האט געזאגט אז ער פארשטייט נישט פארוואס כאפן א דרימל ערב שבת שטייט נישט און די עשרת הדברות וואס לפי השגתו וואלט מען עס געדארפט צולייגן, [פארקירצט]

קאווע שטיבל • „וועט נישט לא תגרעו און לא תוסיפו...“ • 9טן אויגוסט 2021
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14761.html#p479248

## דאס פעקל

**berlbalaguleh:**

[פארקירצט] ס'דא אן אלט ווערטל אז ווען איעדער זאלל ארויסווארפן זייער פעקל אויף דער גאס אז מ'זאלל עס קענען זען, וואלט א יעדער גענומען זיין אייגן פעקל...!

קאווע שטיבל • „מיין ראול מאדעל, גארנישט אזוי גלארי“ • 12טן יולי 2016
https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10721.html#p341767

היסטאריע

# היינט מיט . . . יאר צוריק

וואס האט מען געשריבן אויף די פארומס אויף דעם זעלבן טאג, דעם 28סטן יאנואר, אין פריערדיגע יארן? א קשיא אויף „כל האומר דוד חטא“, און א געדאנק וועגן סייגים, מיטן גדר ביי הר סיני אלס משל.

**14**
יאר צוריק
2013

## כל האומר דוד חטא

**יאיר, קאווע טרינקער** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 28סטן יאנואר 2013

יאיר: „די גמרא לערנט ארויס אז דוד האט נישט געזינדיגט, פון דעם וואס מען זעט אז די שכינה איז געווען מיט דעם. [פארקירצט] די גמרא פרעגט, עס שטייט דאך 'לעשות הרע', ענטפערט די גמרא, אז געווענליך ווען א קעניג איז נישט געווען ערליך שטייט ויעש הרע, און דא שטייט לעשות הרע, איז א סימן שביקש לעשות ולא עשה.

ובעניי קשה לי, מען זעט מערערע מאל אין דער תורה אז עס שטייט לעשות הרע אויף אן עבירה, און קיינער לערנט נישט פשט אז ביקש לעשות ולא עשה, וואס האט מען זיך פלוצלינג דא אויפגעוועקט אז כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה. [פארקירצט]“

קאווע טרינקער: זייער א גוטע קשיא, באמת. מ'דארף נאכקוקן, כ'האב נישט אוצר החכמה אין מיין ד' אמות. אי"ה בל"נ, איך וועל זיין אין קרית חוצות, וועל איך מעיין זיין, אויב ס'פעלט נאך אויס.
על רגל אחת טייפ איך אזוי, אז מכאן, פון דא זעסטו טאקע, אז חז"ל זענען נישט אויפגעקומען מיט "כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה" מכוח דעם דרש פון "לעשות הרע". ווייל דאס איז א גאנץ שוואכע ראיה, אזוי ווי פרעגסט טאקע. - אלא מאי, חז"ל האבן אזוי געהאט מקובל די מעשה, מדור דור עד דוד, און די דרש איז אן אסמכתא בעלמא, און אז די אסמכתא איז דאמירן בעלמא, דאן בויעט מען אויף א גג על הגג, די דרוש ווערט לענגער און מ'ציעט אריין ביז נאכן זמן. אבער דער עצם נקודה, אז לא חטא דוד, איז - ביי זיי געווען - א פאקט.
כ'האב אמאל גע'הער'ט פון ר' אביגדור מ-ממילער אז ווען דוד וואלט טאקע געזינדיגט וואלט דען נישט די פסוק דאס קלאר ארויסגעזאגט? ס'פעלט דאן גראבע חטאים אין תנ"ך?

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2824.html

## סייגים אויף איסורים, נישט גדרים אויף מענטשן

**לולקע-ציבער** • קאווע שטיבל • תורה און מחשבה • 28סטן יאנואר 2014

דער ענין פון "בחירה" איז א פאקט פונעם מענטשליכן לעבן. יעדער געזונטער מענטש האט אין זיך צוויי כוחות, וואס שלעפן אים אהער און אהין. דער "אהער" און "אהין" קענען זיין אנדערע זאכן, אין אנדערע ריכטונגען. עס ווענדט זיך אינעם מענטש און די כללים פון דער סביבה אין וועלכער ער געפינט זיך. די מלחמה, דאס דארפן אויסקלויבן איינס צווישן צוויי צדדים, מאכט זיך ביי כמעט יעדן מענטש, ממש יעדן טאג. די איינציגע אפשר-אויסנאמען זענען צדיקים גמורים און רשעים מובהקים, וועמענס גאנצער מוח איז איבערגעמאכט געווארן און איז אינגאנצן געוואנדן אין איין דירעקציע, לכאן או לכאן.

חומרות, גדרים און סייגים זענען טייל פונעם אידישן לעבן. אין דער תורה געפינען מיר נאך דעם געדאנק פון מאכן א סייג. דאס איז געווען ביים מעמד הר סיני, ווען דער רבונו של עולם האט אנגעזאגט משה רבינו צו מאכן א סייג, א באשטימטן שטח ארום דעם בארג, וואס קיינער זאל נישט איבערטרעטן, כדי זיכער צו מאכן אז קיינער איז נישט עובר אויף דעם אייגנטליכן איסור פון ארויפגיין אויפ'ן בארג ממש.

ווען מען שטעלט צו א גדר צו אן עבירה, ווערן די מענטשליכע אימפולסן נישט אויטאמאטיש פארשווינדן. דער קאמף צווישן יא און ניין, אהין און אהער, איז אן איינבירגערטע אייגנשאפט פונעם מין מענטש. וואס יא, עס העלפט פארזיכערן, אז אפילו אין פאל דער מענטש וועט נישט באווייזן זיך צו שטארקן איבער דעם ניין, וועט ער נאך אלץ נישט עובר זיין אויף דעם אייגנטליכן איסור. ער וועט האבן איבערגעקראכן די צוים, אבער נישט באטראטן דאס פארבאטענע באדן. דאס איז דער אויפטו פון א גדר.

א סייג ווערט געווענליך געמאכט פאר א גאר הארבער עבירה, אדער עפעס וואס איז צו צוטריטליך און די שאנסן אז מענטשן אויף דעם איסור עובר זיין זענען היפש גרעסער ווי געווענליך. א גדר איז נישט קיין שפיל וואס קומט דעמאנסטרירן, שוין אפגערעדט פון ארויפצווינגען, פרומקייט אויפ'ן ציבור. פאר זיך אליין קען א מענטש זיך איינשטעלן וויפיל און וואספארא גדרים ער וויל נאר (הגם אפילו פאר'ן יחיד איז לויט חז"ל אויך נישט באזונדערס גוט זיך צו מאכן חומרות אין דער וועלט אריין). פאר'ן כלל, אבער, איז שוין אן אנדערע מעשה. די גמרא זאגט אז אפילו ביי א פאל וואו א גדר איז יא וויכטיג, דארף מען זיך אבער אפהאלטן פון אים איינשטעלן אויב איז עס עפעס וואס "אין רוב הציבור יכולין לעמוד בה." חז"ל האבן דעם ענין גארנישט גענומען אזוי לייכט, הגם זיי זענען קלאר געווען איבערצייגט אין דער וויכטיגקייט דערפון, ווי ס'איז צו זען פון דער צאל און פארנעם גזירות און הגדרות.

ווען א גדר ווערט איינגעשטעלט, דארף ער געזען און איבערגעגעבן ווערן געגוי ווי און וואס ער איז: א גדר. ס'איז נישט דער אייגנטליכער איסור – הגם עובר זיין אויפן גדר איז אויך אסור מכוח "לא תסור".

א גדר טאר אויך נישט געמאכט ווערן מיט'ן ציל פון אויסרייסן מענטשליכע אימפולסן און די מלחמות וואס יעדער מענטש האט אין זיך צווישן די צוויי פערזענליכע יצרים זיינע. מיר געפינען איין פאל וואו חז"ל האבן אויסגעריסן א יצר, דעם יצר הרע פון עבודה זרה. אבער דאס איז געקומען נאך דעם וואס דורות פון ערפארונג האבן געוויזן קלאר, אז רוב כלל ישראל קען זיך מיט אים נישט קיין עצה געבן. עבודה זרה איז געווען הארב, די פראבלעם איז געווען גענוג גרויס, און אין יהדות איז דאס גענוג א וויכטיגער יסוד (און יענע מענטשן זענען געווען גענוג גרויס) אז חז"ל זענען געקומען צו דער מסקנא אז קיין אנדערע ברירה איז נישט פאראן.

א גדר ווערט איינגעשטעלט ווי א צוים צו דער עבירה. די צוים ווערט געשטעלט ארום דעם שטח האיסור, נישט ארום דעם מענטש און זיינע נטיות. איינצוימען דעם עצם מענטש איז נישט קיין מענטשליכע זאך. בהמות, וואס האבן נישט קיין פארשטאנד און זענען נישט מחויב געווארן מיט'ן "ובחרת בחיים" דארף מען איינצוימען. מענטשן דארף מען לאזן בוחר זיין. אויב די פראבלעם, אדער מעגליכקייט אנצוקומען צו איר, איז צו גרויס, שטעלט מען א צוים ארום דעם פראבלעם. דעם מענטש לאזט מען אבער ווייטער פריי.

אין חב"ד חסידות איז דער אויסדרוק "מוח שליט על הלב" זייער גאנגבאר. דער מוח, דעם מענטש'ס רצון, דארף באהערשן זיינע נטיות און אימפולסן. דאס מיינט נישט אז דאס הארץ דארף אויסגעריסן ווערן און די געפילן אפגעטויט ווערן. אויב זאל דאס זיין דער ענין, וואלט נישט געווען קיין ענין פון משליט זיין דעם מוח. דער מוח קען באהערשן נאר עפעס וואס איז דא. עפעס וואס איז נישטא, איז נישט שייך איינצונעמען. די ליובאוויטשער ניגונים וואלטן קיינמאל נישט געבוירן געווארן, אויב וואלטן די "שליטה" באשטאנען פון אויסרייסן דאס הארץ.

דערפאר טוט עס וויי צו זען ווי די יוצרות זענען אזוי ביטער פארדרייט געווארן אין אונזערע צייטן. א גדר ווערט טייל פונעם עצם איסור, וואס איז פאר זיך נישט מער ווי א גדר אויף א גדר אויף א – מסורה. נישט אז עמיצער האט זיך בכוונה אוועקגעשטעלט אזוי איבערטייטשן דעם מיין פון גדר; ס'אבער למעשה אזוי געווארן. אפטמאל באקומט מען דאס געפיל, אז דער גדר איז א ציל פאר זיך, שווער צו מאכן דאס לעבן מיט'ן ציל פון שווער מאכן דאס לעבן – ווייל דאס לעבן מוז בהכרח זיין שווער. מענטשן טראגן זיך הינטער-באוואוסטזיניג ארום מיט א מאדנער הנחה, אז אידישקייט און שווערינקייט מוזן בהחלט גיין אינאיינעם. דאס איז נישט נאר פאלש, נאר דייקא קעגן יהדות. פירן דערצו אז מענטשן זאלן זיין אומבאקוועם מיט א לעבן על פי תורה בעיקר אדאנק חומרות און גדרים, וואס האבן נישט זעלטן לכתחילה נישט קיין זכות קיום, איז אן עוולה קעגן אידישקייט גארנישט ווייניגער ווי די אידן קעגן וועמען זיי ווערן אנגעווענדט.

נישט נאר זענען די גדרים אומבארעכטיגט, נאר זיי ווערן אויך אוועקגעשטעלט אויפ'ן נישט ריכטיגן פלאץ. אויטענטיש אויסדריקן הרגשים, בדיבור ובמעשה, איז ביי אונז געווארן אזא סארט "טאבו". האלזן און קישן, כאפן און אויסדריקן התפעלות פון מענטשן און געשעענישן איז געווארן א נחלת פון א מינאריטעט. דער עולם, דער רוח המקום איז פול מיט ציניזם – און דווקא ביי גוטע מענטשן, מיט גוטע כוונות.

דאס לעצטע מאל דער יצרא דעריות איז אנגערירט געווארן, איז געווען דעמאלט, אין דער זעלבער תקופה ווען די אנשי כנסת הגדולה האבן מבער געווען דעם יצרא דעבודה זרה. און אפילו דעמאלט האבן זיי נישט מער ווי אנגערירט – ארויסגעריסן פון אים איין האר. דאס איז געווען מיט ארום צוויי טויזנט יאר צוריק. די פראבלעם פון דעם חטא איז אייביג געווען, אין אלע צייטן, ביי אלע מענטשן. און יא, אין אלע צייטן זענען גדרים ארום דעם חטא געמאכט געווארן. אין אונזערע צייטן ווערן אבער געמאכט גדרים ארום דעם מענטש. און נישט סתם גדרים, נאר אזעלכע וואס צוימען אפ דעם מענטש אין א שטח וואס לאזט אסאך נישט לעבן, אפילו בהיתר, אפילו במצווה. אנשטאט גדרים, איז די גאנצע נושא אפגעסטעמפלט געווארן אלס א פראבלעם, אזא בדיעבד, עפעס וואס איז בנמצא פשוט ווייל כ'האב נישט קיין ברירה.

און דאס איז נאר איין פועל יוצא פון דעם פארקרימטן וועג פון קוקן אויף איסורים און גדרים. אפילו אן אויפריכטיגן קאמפלימענט האבן אסאך פון אונז מורא צו זאגן און אפילו נעמען.

ס'איז א שאד, באמת א שאד, אז אזעלכע יסודות'דיג פאלשע הנחות זאלן געטראכט ווערן אין נאמען פון פרומקייט און איינגעפירט ווערן אלס טייל פון אידישקייט.

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5778.html

לוח

# יארצייטן פון דער וואך

כ'–כ"ו שבט. כ'–כ"ג שבט זענען פונעם אשכול „יארצייט'ן“ אין קאווע שטיבל, וואו „סקרן“ האט אין פעברואר 2018 יעדן טאג ארויפגעלייגט די יארצייטן (כ' שבט האט ער גענומען פון „Interesting man“, 2017). צוגעלייגט פון דער „רשימה של קברי צדיקים“ וואס „כורמיזא“ האט אריינגעשטעלט אויף היידפארק אין 2004: פון דארט קומט כ"ו שבט און א נאמען צו כ"א און כ"ב שבט, און ביי זיי שטייט וואו דער ציון איז. פאר כ"ד און כ"ה שבט ברענגען די צוויי רשימות נישט קיין נעמען.

פון **סקרן • Interesting man • כורמיזא**

קאווע שטיבל • היידפארק • היסטאריע • חדשות אנ"ש אין בילדער • „יארצייט'ן • רשימה של קברי צדיקים ברחבי רוסיה ואירופה“ • 16טן פעברואר 2017; 5טן–8טן פעברואר 2018; 15טן דעצעמבער 2004

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11188-4.html#p394929 • https://hydepark.sites.tab.bot/t/1219240.html

---

**דאנערשטאג, כ' שבט • 28סטן יאנואר**

- ר' חיים דוד, דער „דאקטער בראנהארד“ פון פייעטרקוב זצ"ל, וואס ביי אים איז געווען די מעשה מיט ר' דוד לעלובער זי"ע

**פרייטאג, כ"א שבט • 29סטן יאנואר**

- ר' יצחק ב"ר מרדכי מנעשכיז זי"ע • תרכ"ח
- ר' יחיאל מאיר מגאסטענין זי"ע • תרמ"ה
- ר' יעקלי מהרימלוב זי"ע; מיוצאי חלציו: ה'חזון נחום' מדאמבראווא, הגאון מטשעבין • תרנ"ד
- ר' יעקב יצחק אלחנן מפרשיסחא ב"ר ירחמיאל זי"ע (ציון: פרשיסחא) • תרל"ג

**שבת קודש פרשת יתרו, כ"ב שבט • 30סטן יאנואר**

- ר' מנחם מענדל מארגנשטערן מקאצק ב"ר יהודה לייבוש האלפערין זי"ע (ציון: קאצק) • תרי"ט
- ר' יהודה ארי' לייב (לייבל) אייגער מלובלין ב"ר שלמה אב"ד פוזנא, נכד הרעק"א זי"ע (בעמח"ס תורת אמת; ציון: לובלין) • תרמ"ח
- ר' מרדכי יוסף אלעזר מראדזין ב"ר גרשון חנוך בעל התכלת זי"ע (ציון: ווארשא) • תרפ"ט

**זונטאג, כ"ג שבט • 31סטן יאנואר**

- ר' יהושע ב"ר שלום מבעלזא זי"ע, דער „מיטלער בעלזער רבי“ (ציון: בעלזא) • תרנ"ד
- ר' משה קליערס זי"ע, הרה"ר של עיר טבריה, ממנהיגי חסידי סלונים • תרצ"ד

**מיטוואך, כ"ו שבט • 3טן פעברואר**

- ר' שאול בראך אב"ד קאשוי זי"ע (בעמח"ס אבות על בנים, שאול שאל ועוד; ציון: קאשוי) • ת"ש

קאלום

# די תגובה פון דער וואך

אין אן אשכול וועגן א „ראול מאדעל“ האט מען אין קאווע שטיבל גערעדט וועגן מקנא זיין א צווייטן. „שמעון וואלף“ האט צוגעלייגט א פשט אין „לא תחמד“:

די וועלט זאגט א ווערטל, און עשרת הדברות שטייט: לא תחמד אשת רעך ועבדו ואמתו ושורו וחמרו וכל אשר לרעך. שטעלט זיך די פראגע אז וואס פעלט אויס ס'זאל שטיין בפרטיות אשתו, עבדו, אמתו, שורו ווען ס'שטייט וכל אשר לרעך וואס איז דאך כולל אלעס?

נאר פשט איז אזוי. ווען דו זעסט א צווייטער האט א גוטע זאך זיי אים נישט מקנא ווייל "וכל אשר לרעך" דו דארפסט וויסן זיין גאנצע פיקטשער וועסטי זען אז ס'איז גארנישט אזוי פויגעלדיג

**שמעון וואלף** • קאווע שטיבל • 12טן יולי 2016

https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10721.html

מקורות

# פון וואו די שטיקער קומען

אלע שטיקער אין דעם נומער זענען גענומען פון די ארכיוון אויף archiv.sites.tab.bot. ביי יעדן שטיק: דער ארכיוו, דער פארום, דער אשכול, דער ניק פונעם שרייבער, דער דאטום, און דער לינק.

| | |
|---|---|
| **לכבוד שבת קודש** | „עס גלוסט זיך – „לא תחמוד“ און דער גדר ארום דעם בארג“ · **zaltzvaser**<br>זאלצוואסער · בלאג · אשכול „עס גלוסט זיך (פ' יתרו)“ · 29סטן מאי 2016<br>https://zaltzvaser.sites.tab.bot/t/605.html |
| **שמועסן אויף דער סדרה** | „„כפה עליהם הר כגיגית“ – פארוואס האט מען געדארפט צווינגען?“ · **מאטי, יואב**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „כפה עליהם הר כגיגית פארוואס??“ · 14טן–17טן מאי 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/3787.html#p114940 |
| **הלכה־שמועס • לא תגנוב** | „מעג מען קאפיען א פילם? „קאפי רייט“ על פי הלכה“ · **עמרם, קהל'ס נער, היימלינד, קורקלענד און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · אשכול „די איסור פון קאפי רייט“ · 18טן–20סטן דעצעמבער 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16758.html#p541681 |
| **תורה און וויסנשאפט** | „פארוואס האט די גאנצע וועלט זיבן טעג א וואך?“ · **מי אני, זיצער, אלבערט איינשטיין און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · העמק דבר · אשכול „7 טעג א וואך“ · 26סטן אפריל 2023<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/16112.html#p522799 |
| **אנשי שם • צו כ"ב שבט** | „רבי מענדעלע פון קאצק – די יארן פון „ימי ההסגר““ · **דולה ומשקה**<br>קאווע שטיבל · אנשי שם · אשכול „רבי מנחם מענדל מקאצק - וימי ההסגר“ · 8טן יולי – 5טן אויגוסט 2015<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/9264.html#p288284 |
| **הומאר** | „ווי אזוי האט יתרו אויסגעזען?“ · **לאולי, וואלווי, berlbalaguleh און אנדערע**<br>קאווע שטיבל · געזעלשאפט · אשכול „יתרו - ווי אזוי קוקט ער אויס?“ · 20סטן–22סטן יאנואר 2022<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/15101.html#p492338 |
| **היינט מיט 14 יאר צוריק** | „כל האומר דוד חטא“ · **יאיר, קאווע טרינקער** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 28סטן יאנואר 2013<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/2824.html |
| **היינט מיט 13 יאר צוריק** | „סייגים אויף איסורים, נישט גדרים אויף מענטשן“ · **לולקע-ציבעך** · קאווע שטיבל · תורה און מחשבה · 28סטן יאנואר 2014<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/5778.html |
| **יארצייטן פון דער וואך** | **סקרן · Interesting man · כורמיזא** · קאווע שטיבל · הײדפארק · היסטאריע · חדשות אנ"ש אין בילדער · „יארצייט'ן · רשימה של קברי צדיקים ברחבי רוסיה ואירופה“ · 16טן פעברואר 2017; 5טן–8טן פעברואר 2018; 15טן דעצעמבער 2004<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/11188-4.html#p394929 • https://hydepark.sites.tab.bot/t/1219240.html |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„רואים את הקולות“ – פארוואס האט מען געדארפט זען?“ · **פאלאצ'ינטא** · קאווע שטיבל · „קלוגע ווערטער און געדאנקען“ · 7טן פעברואר 2024<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10712.html#p548618 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „„ווען עס איז דא ניין, וועט זיין צען““ · **פאליטיקאנט / א חסיד פון ווילנא** · קאווע שטיבל · 17טן פעברואר 2021<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/1526.html#p467160 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „א דרימל ערב שבת – דער עלפטער דיבור?“ · **בן נון** · קאווע שטיבל · „ווען נישט לא תגרעו און לא תוסיפו...“ · 9טן אויגוסט 2021<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/14761.html#p479248 |
| **פערל פון די ארכיוון** | „דאס פעקל“ · **berlbalaguleh** · קאווע שטיבל · „מיין ראול מאדעל, גארנישט אזוי גלארי“ · 12טן יולי 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10721.html#p341767 |
| **די תגובה פון דער וואך** | **שמעון וואלף** · קאווע שטיבל · 12טן יולי 2016<br>https://kaveshtiebel.sites.tab.bot/t/10721.html |

**אין דעם קומענדיגן נומער:** מאנטאג, דעם 1טן פעברואר – נומער 30; דאנערשטאג, דעם 4טן פעברואר – נומער 31, אויף פרשת משפטים.

„ארכיוו“ • אויסגעקליבן און מגיה געווען פון די אידישע פארומס און בלאגס • די ווערטער געהערן צו זייערע שרייבער.